# ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונט און גייסטיק היגיענע
# מעלדונג פון פריוואטקייט פירונגען

גילטיג ינוי 2, 2016

די מעלדונג שילדערט ווי אזוי מעדיצינישע אינפארמאציע איבער אייך קען ווערן גענוצט און אנטפלעקט, און ווי אזוי צו באקומען צוטריט צו די אינפארמאציע. ביטע ליינט עס דורך פארזיכטיג.

אויב האט איר סיי וועלכע פראגעס, פארבינדט זיך מיטן קליניק דירעקטאר אדער די פאסיליטי העלטה סערוויסעס פארוואלטער. איר קענט זיך אויך פארבינדן מיט דעם ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונט און גייסטיק היגיענע'ס הויפט פריוואטקייט באאמטער אויף 347-396-6007 אדער דורך PrivacyOfficer@health.nyc.gov.

באשיצטע געזונטהייט אינפארמאציע (protected health information – PHI) איז אינדיווידועלע אידענטיפיצירבארע געזונטהייט אינפארמאציע וואס ווערט אויסגעדרוקט דורך מינדליכע, שריפטליכע אדער עלעקטראנישע קאמוניקאציעס. עס אנטהאלט דעמאגראפישע אינפארמאציע (ווי אייער יארגאנג, אדרעס און אי-מעיל אדרעסן) און אנדערע אינפארמאציע וואס באציט זיך צו אייער פארגאנגענע, יעצטיגע אדער צוקונפטיגע פיזישע אדער גייסטיגע געזונטהייט. PHI אנטהאלט אויך פארבינדעטע העלטה קעיר סערוויסעס אדער באצאלונג פאר די סערוויסעס. די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונט און גייסטיק היגיענע רעספעקטירט די געהיימניס פון PHI און וועט עס באשיצן אויף א פאראנטווארטליכן אופן און אין איינקלאנג מיט אלע געזעצן און רעגולאציעס.

די מעלדונג פון פריוואטקייט פירונגען (מעלדונג) ווערט צוגעשטעלט פאר אייך אין איינקלאנג מיט דער Health Insurance Portability and Accountability Act of 1996 (העלטה אינשורענס פארטעביליטי און אקאונטעביליטי אקט פון 1996 – HIPAA). די מעלדונג באצייכנט ווי אזוי DOHMH מעג נוצן און אנטפלעקן אייער PHI און די שריט וואס ווערן גענומען עס צו באשיצן. די מעלדונג שילדערט אויך אייערע רעכטן און DOHMH'ס פאראנטווארטליכקייטן אנבאלאנגט דעם באנוץ און אנטפלעקונג פון אייער PHI.

**אויף וועמען גילט די מעלדונג**

DOHMH ווערט באטראכט אלס א "הייבריד ענטיטי" אונטער HIPAA, ווייל עס שטעלט צו העלטה קעיר סערוויסעס און פובליק העלטה סערוויסעס. די העלטה קעיר סערוויסעס ווערן געדעקט דורך HIPAA, אבער די פובליק העלטה סערוויסעס נישט.

די מעלדונג שילדערט די העלטה קעיר באשטאנדטיילן וואס ווערן געדעקט דורך HIPAA. די פאראנטווארטליכקייטן אין דער מעלדונג גילטן אויף אלע איינגעשטעלטע, סטודענטן און וואלונטירן וואס זענען באפולמעכטיגט צו געבן, באקומען אדער זיך טיילן מיט אייער באשיצטע געזונטהייט אינפארמאציע פאר באהאנדלונגען, באצאלונגען אדער העלטה קעיר.

**DOHMH פאראנטווארטליכקייטן**

DOHMH קליניקס ווערן פארלאנגט דורכן געזעץ צו:

- האלטן אייער PHI פריוואט און פארזיכערט
- אייך מעלדן איבער לעגאלע פליכטן און פריוואטקייט פירונגען וואס זענען פארבינדן מיטן באנוץ און אנטפלעקונג פון אייער PHI
- אייך זאפארט מעלדן איבער סיי וועלכן בראך וועלכער האט געקענט אפשוואכן די פריוואטקייט אדער זיכערהייט פון אייער PHI
- אויספאלגן די תנאים פון דער מעלדונג
- קאמוניקירן מיט אייך איבער סיי וועלכע ענדערונגען צו דער מעלדונג

**פריוואטקייט געזעצן און רעגולאציעס**

מערערע פעדעראלע, סטעיט און סיטי פריוואטקייט געזעצן האבן צוגעגעבן באגרעניצונגען אויפן באנוץ און אנטפלעקונג פון געזונטהייט אינפארמאציע. די געזעצן באווירקן סובסטאנץ אביוז באהאנדלונגען, HIV/AIDS אונטערזוכונג-און-באהאנדלונגען, געשלעכטליך אריבערגעפירטע קראנקהייט אונטערזוכונג-און-באהאנדלונגען און גייסטיגע געזונטהייט באהאנדלונגען. DOHMH פאליסיס און די מעלדונג קומען נאך די דאזיגע צוגעגעבענע געזעצן.

**ווי אזוי DOMHM מעג נוצן און ארויסגעבן אייער PHI**

**פארלאנגטע באניצונגען און אנטפלעקונגען.** לויטן געזעץ, מוז DOHMH אייך אנטפלעקן אייער PHI, סיידן א מעדיצינישער פראפעסיאנאל האט באשטימט אז דאס וועט זיין שעדליך פאר אייער געזונטהייט.

אויב פארלאנגט, מוז DOHMH אויך ארויסגעבן אייער PHI צום סעקרעטאר פון דער U.S. Department of Health and Human Services (פאראייניגטע שטאטן אפטיילונג פון געזונטהייט און מענטשליכע סערוויסעס) פאר אויספארשונגען איבער אונזער נאכקומען די געזעצן וואס באשיצן אייער PHI.

**באהאנדלונג.** NYC DOHMH מעג נוצן אדער אנטפלעקן אייער PHI, אריינגערעכנט דאקטער רעקאמענדאציעס, כדי אייך צוצושטעלן באהאנדלונג אדער סערוויסעס וואס פארלאנגען זיך.

**באצאלונג.** אייער PHI וועט גענוצט ווערן, ווי נויטיג, צו בילן און איינקאסירן באצאלונגען פאר באהאנדלונגען און סערוויסעס וואס מען שטעלט אייך צו. DOHMH קען זיך טיילן מיט אינפארמאציע איבער באהאנדלונגען מיט אייער העלטה

פלאן (אריינגערעכנט Medicaid) אדער מיט א מענעדזשד קעיר ארגאניזאציע כדי צו באקומען באשטעטיגונג פאר באצאלונג.

**העלטה קעיר אקטיוויטעטן.** DOHMH מעג נוצן און ארויסגעבן PHI פאר רעגלמעסיגע העלטה קעיר אקטיוויטעטן. די מעדיצינישע שטאב וועט נוצן אייער געזונטהייט אינפארמאציע איבערצוקוקן אייער באהאנדלונג און אויסקום, אין פארגלייך צו ענליכע פעלער. צום ביישפיל, אייער אינפארמאציע קען ווערן איבערגעקוקט פאר טרענירונג, ריזיקע פארוואלטונג אדער קוואליטעט-פארבעסערונג צוועקן אין אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו פארבעסערן די קוואליטעט און ווירקזאמקייט פון די קעיר און סערוויסעס וואס מיר שטעלן צו.

DOHMH וועט טיילן אייער PHI מיט דריטע-פארטיי ביזנעס פארבינדעטע וועלכע פירן דורך אקטיוויטעטן פאר'ן דעפארטמענט (ווי בילינג סערוויסעס). די ביזנעס פארבינדעטע וועלן אויך ווערן אויפגעפאדערט צו באשיצן אייער געזונטהייט אינפארמאציע.

DOHMH קען ארויסנעמען אינפארמאציע וואס אידענטיפיצירט אייך כדי אנדערע זאלן עס קענען נוצן צו שטודירן העלטה קעיר און סערוויסעס אָן אויסגעפינען אייער אידענטיטעט.

**אפוינטמענט דערמאנונגען.** DOHMH מעג נוצן און אנטפלעקן אייער PHI כדי צו שיקן אפוינטמענט דערמאנונגען. די דערמאנונגען וועלן נישט באצייכענען דעם צוועק פון אייער באזוך.

**פארלאנגט דורכן געזעץ.** DOHMH וועט אנטפלעקן געזונטהייט אינפארמאציע איבער אייך ווען עס ווערט פארלאנגט דורך א פעדעראלע, סטעיט אדער סיטי געזעץ אדער רעגולאציע.

**פובליק העלטה אקטיוויטעטן.** DOHMH מעג אָן אייער צושטימונג אנטפלעקן אייער PHI פאר א פובליק העלטה אגענטור וואס האט די לעגאלע אויטאריטעט צו זאמלען אדער באקומען PHI פאר פובליק העלט אויפזיכט, אדער צו פארמיידן אדער קאנטראלירן קראנקהייט, שעדיגונג אדער דיסאביליטי. דאס רעכנט אריין – אבער איז נישט באגרעניצט – דאס באריכטן קראנקהייטן, געבורטן אדער טויטפעלער.

**טשיילד אביוז.** DOHMH מעג אנטפלעקן אייער PHI פאר א רעגירונג אויטאריטעט וואס איז באפולמעכטיגט דורכן געזעצן צו באקומען באריכטן איבער קינד אביוז.

**געזונטהייט אויפזיכט.** DOHMH מעג אנטפלעקן אייער PHI פאר א געזונטהייט אויפזיכט אגענטור, פאר לעגאלע אקטיוויטעטן (ווי אודיטס, אויספארשונגען, אונטערזוכונגען און לייסענסורס) וועלכע באאבאכטן די העלטה קעיר סיסטעם, רעגירונג בענעפיט פראגראמען, אנדערע רעגירונג רעגולירנדע פראגראמען און ציווילע רעכטן געזעצן.

**Food and Drug Administration (עסווארג און מעדיצין אדמיניסטראציע – FDA).** DOHMH מעג אנטפלעקן אייער באשיצטע געזונטהייט אינפארמאציע פאר א מענטש אדער פירמע וואס ווערט פארלאנגט דורך די FDA, צו:

- באריכטן פראדוקט פעלערן, אומגינסטיגע רעאקציעס אדער פראבלעמען
- באריכטן ביאלאגישע פראדוקט אפנויגונגען
- נאכגיין פראדוקטן
- ערמעגליכן פראדוקט צוריקרופונגען
- מאכן פאררעכטונגען אדער ערזעצונגען
- דורכפירן נאך-מארקעטינג אויפזיכט

**לעגאלע שריט.** DOHMH מעג ארויסגעבן אייער PHI אלס רעאקציע צו א געריכטליכן אדער אדמיניסטראטיוון באפעל אויב איר זענט פארמישט אין א קלאגע אדער געפעכט. מיר קענען אויך ארויסגעבן אייער PHI אלס רעאקציע צו א סובפינע, דיסקאווערי פארלאנג אדער אנדערע לעגאלע פראצעדור דורך עמיצער אנדערש וואס איז פארמישט אינעם געפעכט, בלויז אויב מען האט אנגעוואנדן באמיאונגען אייך צו דערציילן איבער דעם פארלאנג.

**געזעץ פארסירונג.** DOHMH מעג ארויסגעבן PHI אויב געזעץ פארסירונג באאמטע בעטן דאס צו טון:

- אלס רעאקציע צו א געריכטליכן באפעל, סובפינע, וואראנט, סאמענס אדער ענליכער פראצעדור
- כדי צו אידענטיפיצירן אדער טרעפן א פארדעכטיגטן, אנטלאפענעם, מאטעריאלן עדות אדער פעלנדער פערזאן
- איבער דעם קרבן פון א פארברעך אויב – אונטער געוויסע אומשטענדן – קענען מיר נישט באקומען דעם מענטש'ס צושטימונג
- איבער א טויטפאל וואס מיר גלויבן קען זיין דער רעזולטאט פון קרימינאלער אויפפירונג
- איבער קרימינאלע אויפפירונג ביי א DOHMH קליניק
- אין עמערדזשענסי אומשטענדן צו באריכטן א פארברעך, די לאקאציע פון א פארברעך אדער קרבנות, אדער די אידענטיטעט, שילדערונג אדער לאקאציע פונעם מענטש וואס האט דורכגעפירט דעם פארברעך

**קאראנערס, לוי' דירעקטארס און גליד שענקונגען.** DOHMH מעג אנטפלעקן PHI פאר א קאראנער אדער מעדיצינישער אונטערזוכער כדי צו אידענטיפיצירן א פארשטארבענעם מענטש אדער כדי צו באשטימען דעם אורזאך פון טויט. מיר קענען אויך ארויסגעבן PHI פאר לוי' דירעקטארס כדי זיי צו העלפן דורכפירן זייערע פליכטן, לויט ווי באפולמעכטיגט דורכן געזעץ. PHI קען אויך ווערן גענוצט און אנטפלעקט פאר גליד שענקונגען.

**פארשונג.** אונטער געוויסע אומשטענדן, קענען מיר נוצן און אנטפלעקן אייער PHI פאר פארשונג צוועקן. די פארשונג מוז נאכקומען די גילטיגע געזעצן און רעגולאציעס, און מוזן צוערשט ווערן איבערגעקוקט דורך די DOHMH אינסטיטוציאנאלע איבערזיכט באורד.

**עלטערנ'ס צוטריט.** פארשידענע ניו יארק סטעיט געזעצן באשטימען וועלכע PHI קען אנטפלעקט ווערן פאר עלטערן און לעגאלע גארדיענס. DOHMH וועט זיך פירן אין איינקלאנג מיטן געזעץ.

**ארבעטערס קאמפענסאציע.** DOHMH קען ארויסגעבן אייער PHI כדי נאכצוקומען ארבעטערס קאמפענסאציע געזעצן און

אנדערע ענליכע פראגראמען וועלכע שטעלן צו בענעפיטן פאר ארבעט-פארבינדעטע שעדיגונגען אדער קראנקהייטן.

**קרימינאלע אקטיוויטעטן.** אונטער געוויסע פעדעראלע און סטעיט געזעצן, מעג DOHMH אנטפלעקן אייער PHI אויב מיר גלויבן אז איר באנוץ אדער אנטפלעקונג איז נויטיג כדי צו פארמיידן אדער פארמינערן אן ערנסטע און באלדיגע דראאונג צום געזונטהייט אדער זיכערהייט פון א מענטש אדער פובליק. מיר מעגן אויך אנטפלעקן אייער PHI – אויב עס איז נויטיג – פאר געזעץ-פארסירונג באאמטע, כדי צו אידענטיפיצירן אדער ארעסטירן א מענטש.

**ארעסטאנטן.** אויב איר זענט אן ארעסטאנט פון א קארעקאשענעל אינסטיטוציע, מעג DOHMH אנטפלעקן צו דער אינסטיטוציע אדער אירע אגענטן, געזונטהייט אינפארמאציע וואס איז נויטיג פאר אייער געזונטהייט און די געזונטהייט און זיכערהייט פון אנדערע מענטשן.

**מיליטערישע אקטיוויטעט און וועטעראנען.** אויב איר זענט א מיטגליד פון די ארמיי קרעפטן, מעג DOHMH ארויסגעבן געזונטהייט אינפארמאציע איבער אייך לויט ווי פארלאנגט דורך מיליטערישע באפעל אויטאריטעטן. מיר קענען אויך ארויסגעבן געזונטהייט אינפארמאציע איבער אויסלענדישע מיליטערישע איינגעשטעלטע צו די פאסיגע אויסלענדישע מיליטערישע אויטאריטעט.

**נאציאנאלע זיכערהייט און שפיאנאזש.** מיר קענען ארויסגעבן געזונטהייט אינפארמאציע איבער אייך צו די אויטאריזירטע פעדעראלע באאמטע פאר שפיאנאזש, קאנטער-שפיאנאזש און אנדערע נאציאנאלע זיכערהייט אקטיוויטעטן וואס ווערן באפולמעכטיגט דורכן געזעץ. מיר קענען אויך אנטפלעקן געזונטהייט אינפארמאציע איבער אייך צו באפולמעכטיגטע פעדעראלע איינגעשטעלטע, כדי זיי זאלן קענען דורכפירן ספעציעלע פארשונגען אדער צושטעלן באשיצונג פאר'ן פרעזידענט אדער אנדערע אויטאריזירטע מענטשן אדער אויסלענדישע שטאַט הויפטן.

**מענטשן וואס זענען פארמישט אין אייער העלטה קעיר.** סיידן איר שטעלט זיך דערקעגן, מעג DOHMH נוצן אדער אנטפלעקן געזונטהייט אינפארמאציע כדי צו מעלדן אדער העלפן מעלדן א פאמיליע מיטגליד אדער פערזענליכן פארטרעטער איבער אייער לאקאציע, אלגעמיינעם צושטאנד אדער טויט. אויב זענט איר אנוועזנד, וועט איר האבן די געלעגנהייט זיך קעגנצושטעלן צו דעם סארט באנוץ אדער אנטפלעקונג. אויב איר זענט אומפעאיג צו באשליסן אדער עס איז אן עמערדזשענסי, קענען מיר אנטפלעקן אייער PHI אויב מיר באשטימען אז עס איז אין אייערע בעסטע אינטערעסן אזוי צו טון.

**אייערע רעכטן אנבאלאנגט אייער געזונטהייט אינפארמאציע**

כאטש אייער געזונטהייט רעקארד איז די פיזישע אייגנטום פון DOHMH, באלאנגט די אינפארמאציע פאר אייך. איר האט די פאלגנדע רעכטן אנבאלאנגט אייער באשיצטע געזונטהייט אינפארמאציע. איר קענט מאכן סיי וועלכע פון די פאלגנדע פארלאנגען דורכן אריינגעבן א שריפטליכן פארלאנג צום קליניק דירעקטאר, העלטה סערוויסעס פארוואלטער אדער זיין\איר פארטרעטער.

**רעכט צו אונטערזוכן און קאפירן.** אייער PHI ווערט געהאלטן אין א "באשטימטן רעקארד סעט" און קען גענוצט ווערן צו מאכן באשלוסן איבער אייערע באהאנדלונגען. דער באשטימטער רעקארד סעט אנטהאלט געווענליך מעדיצינישע און בילינג רעקארדס. איר האט די רעכט אונטערצוזוכן און באקומען די אינפארמאציע פאר אזוי לאנג ווי DOHMH האלט אייערע געזונטהייט רעקארדס. די רעכט גילט נישט אויף:

- פסיכאטעראפיע נאטיצן
- אינפארמאציע וואס איז געזאמלט געווארן אלס מעסיגע ערווארטונג פון, אדער באנוץ אין, א ציווילן, קרימינאלן אדער אדמיניסטראטיווען שריט אדער פראצעדור
- באשיצטע געזונטהייט אינפארמאציע וואס איז אויסגעשטעלט צו געזעצן וועלכע פארבאטן צוטריט

DOHMH קען אפזאגן אייער פארלאנג אונטערצוזוכן און קאפירן רעקארדס אין גאר באגרעניצטע אומשטענדן. אויב מען זאגט אייך אפ פון באקומען צוטריט צו געזונטהייט אינפארמאציע, קענט איר זיך פארבינדן מיטן הויפט פריוואטקייט באאמטער, כדי צו פארלאנגען אז די אנטזאגונג זאל איבערגעקוקט ווערן.

**רעכט צו פארלאנגען פארריכטונג.** אויב איר גלויבט אז די געזונטהייט אינפארמאציע וואס מיר האבן איבער אייך איז נישט ריכטיג אדער נישט פולקאם, קענט איר אונז בעטן צו פארריכטן (ענדערן אדער צולייגן צו) די אינפארמאציע. איר האט די רעכט צו פארלאנגען א פארריכטונג פאר אזוי לאנג ווי DOHMH האלט די אינפארמאציע. DOHMH קען אנטזאגן אייער פארלאנג אויב עס איז נישט שריפטליך אדער אנטהאלט נישט א סיבה אונטערצושטיצן דעם פארלאנג. אין צוגאב, קענען מיר אנטזאגן אייער פארלאנג אויב איר בעט אונז צו פארריכטן אינפארמאציע וואס:

- איז נישט געשאפן געווארן דורך DOHMH, סיידן דער מענטש אדער איינהייט וואס האט געשאפן די אינפארמאציע איז מער נישט אוועילעבל צו מאכן די פארריכטונג
- איז נישט טייל פון די געזונטהייט אינפארמאציע וואס ווערט געהאלטן פאר, אדער דורך, DOHMH
- איז נישט טייל פון די אינפארמאציע וואס איר זענט ערלויבט אונטערצוזוכן און קאפירן
- איז פונקטליך און פולקאם

**רעכט צו באקומען מעלדונג פון אן איבערברעכונג.** DOHMH ווערט פארלאנגט אייך צו מעלדן זאפארט אויב עס איז דא א בראָך וואס האט געקענט אפשוואכן די פריוואטקייט אדער זיכערהייט פון אייער אינפארמאציע.

**רעכט צו א חשבון פון אנטפלעקונגען.** א "חשבון פון אנטפלעקונגען" איז א ליסטע פון PHI אנטפלעקונגען. די ליסט רעכנט נישט אריין קיין אנטפלעקונגען וואס זענען געמאכט געווארן פאר באהאנדלונגען, באצאלונג אדער העלטה קעיר צוועקן, ווי געשילדערט אין דער מעלדונג, אדער געוויסע אנדערע אנטפלעקונגען (ווי סיי וועלכע וואס איר האט אונז געבעטן צו מאכן). איר האט די רעכט צו א "חשבון פון אנטפלעקונגען" פון געזונטהייט אינפארמאציע, פון די זעקס יאר איידער דעם דאטום פונעם פארלאנג.

**רעכט צו פארלאנגען באגרעניצונגען.** איר האט די רעכט צו פארלאנגען אן אפהאלטונג אדער באגרעניצונג אויף די

געזונטהייט אינפארמאציע וואס מיר נוצן און גיבן ארויס איבער אייך, פאר באהאנדלונג, באצאלונג אדער העלטה קעיר צוועקן. איר האט אויך די רעכט צו פאדערן א באגרעניצונג אויף די געזונטהייט אינפארמאציע וואס מיר האבן ארויסגעגעבן איבער אייך, פאר עמיצן וואס איז פארמישט אין אייער קעיר אדער באצאלונג פאר אייער קעיר. מיר ווערן נישט געפאדערט צוצושטימען צו אייער פארלאנג.

אויב איר באצאלט פולשטענדיג פאר א סערוויס אדער העלטה קעיר ארטיקל ארויס-פון-טאש, קענט איר אונז בעטן נישט מיטצוטיילן אייער אינפארמאציע מיט אייער העלטה אינשורער פאר באצאלונג אדער העלטה קעיר צוועקן. מיר וועלן צושטימען, סיידן מיר ווערן פארלאנגט דורכן געזעץ מיטצוטיילן די באטרעפנדע אינפארמאציע.

**רעכט צו פארלאנגען געהיימע קאמוניקאציעס.** איר קענט פארלאנגען אז מיר זאלן קאמוניקירן מיט אייך, נוצנדיג אלטערנאטיווע מיטלען אדער ביי אן אלטערנאטיווער לאקאציע, כדי צו באשיצן אייער געהיימקייט. צום ביישפיל, איר קענט בעטן אז מיר זאלן זיך פארבינדן מיט אייך ביי דער ארבעט אדער דורך דער פאסט. איר קענט אויך בעטן אז מיר זאלן אייך שיקן אינפארמאציע דורך דער פאסט אין א פארמאכטן קאנווערט, ענדערש ווי א פאסטקארטל.

צו פארלאנגען געהיימע קאמוניקאציעס, שיקט א שריפטליכן פארלאנג צום קליניק דירעקטאר אדער זיין\איר פארטרעטער. אייער פארלאנג מוז באצייכענען ווי אזוי אדער וואו איר ווילט מען זאל זיך פארבינדן מיט אייך. אויב איר באקומט סערוויסעס ביי מער ווי איין קליניק, מוזט איר מאכן א באזונדערן פארלאנג צו יעדן פון זיי.

**רעכט אויסצוקלויבן עמיצן צו נעמען שריט אין אייער נאמען.** אויב איר האט געגעבן פאר עמיצן מעדיצינישע פאוער-אוו-אטורני אדער עמיצער איז אייער לעגאלער גארדיען, קען יענער נוצן אייערע רעכטן און מאכן באשלוסן איבער אייערע געזונטהייט אינפארמאציע.

**רעכט צו באקומען א קאפיע פון דער מעלדונג.** איר האט די רעכט פאר א פאפירענער קאפיע פון דער מעלדונג צו יעדער צייט. פארבינדט זיך מיטן קליניק דירעקטאר, העלטה סערוויסעס פארוואלטער אדער DOHMH הויפט פריוואטקייט באאמטער אויף 347-396-6007.

**באפולמעכטיגונג פאר באנוץ פון PHI**

HIPAA פאדערט פון אונז צו באקומען אייער שריפטליכע ערלויבעניש פאר די פאלגנדע באנוצן אדער אנטפלעקונגען אנבאלאנגט אייער PHI:

- מארקעטינג צוועקן
- פארקויף פון אייער אינפארמאציע (באמערקונג: עס איז DOHMH'ס פאליסי נישט צו פארקויפן אייער PHI)
- רוב פסיכאטעראפיע נאטיצן אנטפלעקונגען

DOHMH וועט פארלאנגען אייער שריפטליכע ערלויבעניש פאר אנדערע באנוצן און אנטפלעקונגען פון אייער PHI וואס איז נישט געדעקט דורך דער מעלדונג אדער דורך די געזעצן וואס זענען גילטיג פאר אונז. אויב איר גיט אונז ערלויבעניש צו נוצן אדער אנטפלעקן אייער PHI, קענט איר צוריקציען אדער אנולירן דאס ערלויבעניש, שריפטליך, צו יעדער צייט.

אויב איר ציט צוריק אייער ערלויבעניש, וועט DOHMH מער נישט נוצן אדער אנטפלעקן אייער PHI פאר די סיבות וואס ווערן געדעקט דורך אייער שריפטליכער באפולמעכטיגונג. מיר קענען נישט צוריקנעמען סיי וועלכע אנטפלעקונגען וואס מיר האבן שוין געמאכט מיט אייער ערלויבעניש און וואס מיר ווערן פארלאנגט צו האלטן אין אונזערע רעקארדס.

**ענדערונגען צו דער מעלדונג**

מיר רעזערווירן די רעכט צו ענדערן אונזערע פריוואטקייט פירונגען און די מעלדונג. מיר רעזערווירן די רעכט צו מאכן די געטוישטע מעלדונג גילטיג אויף געזונטהייט אינפארמאציע וואס מיר האבן שוין איבער אייך, גלייך ווי סיי וועלכע אינפארמאציע וואס מיר באקומען אין דער צוקונפט.

מיר וועלן ארויפקלעבן א קאפיע פון אונזער יעצטיגער מעלדונג ביי יעדער פון אונזערע קליניק לאקאציעס. דער גילטיגער דאטום וועט באצייכנט ווערן אויף דער אויבערשטער מיטלסטער טייל פון דעם ערשטן בלאט און די אונטערשטע רעכטע טייל פון דעם לעצטן בלאט פון דער מעלדונג. אין צוגאב, וועט א קאפיע פון דער יעצטיגער מעלדונג געמאכט ווערן גרייט פאר אייך יעדעס מאל וואס עס ווערט איבערגעמאכט. איר קענט אויך פארלאנגען א קאפיע פון אונזער מעלדונג צו יעדער צייט און קענט זען די יעצטיגע מעלדונג אויף nyc.gov/health (זוכט "HIPAA").

**קלאגעס**

אויב איר גלויבט אז אייערע פריוואטקייט-רעכטן זענען פארלעצט געווארן, קענט איר אריינגעבן א שריפטליכע קלאגע צום סעקרעטאר פון די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונט און גייסטיק היגיענע, אדער צום DOHMH הויפט פריוואטקייט באאמטער אויפן אדרעס אונטן. קיין שום שריט וועט פארקומען אנטקעגן אייך פאר'ן אריינגעבן א קלאגע.

**אי-מעילט קלאגעס צו:** PrivacyOfficer@health.nyc.gov

**שיקט קלאגעס דורך דער פאסט צו:**
NYC DOHMH Chief Privacy Officer
Gotham Center
42-09 28th Street, 14th Floor, CN-30
Queens, NY 11101

**גילטיג ינוי 2, 2016**

NYC Health

# מעלדונג פון פריוואטקייט פירונגען
# אנערקענונג פון ערהאלטונג

*Notice of Privacy Practices Acknowledgement of Receipt*

מיטן אונטערשרייבן און דאטירן די פארעם, אנערקען איך אז איך האב באקומען א קאפיע פון דער ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונט און גייסטיק היגיענע מעלדונג פון פריוואטקייט פירונגען.

| פאציענט'ס נאמען *(ביטע שרייבט)* \| Patient's Name | |
|---|---|
| פאציענט'ס אונטערשריפט \| Patient's Signature | דאטום \| Date |

אויב איר זענט א פערזענליכער פארטרעטער וואס פילט אויס די פארעם אין נאמען פונעם פאציענט, ביטע שרייבט אייער נאמען אינעם ליידיגן פלאץ אונטן.

| פערזענליכער פארטרעטער'ס נאמען *(ביטע שרייבט)* \| Personal Representative's Name | |
|---|---|
| פערזענליכער פארטרעטער'ס אונטערשריפט \| Personal Representative's Signature | דאטום \| Date |

## בלויז פאר אפיציעלער באנוץ

☐ Patient refused to sign
☐ Patient unable to sign

| DOHMH Employee Initials | Date |
|---|---|
| | |

*Original Patient Record*



איבערגעמאכט 2016/06